STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03188

IN BLUMEN-LAND

Nehemiah Kaplan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין בלומען־לאַנד

דראמאטישע פאַנטאַזיע אין איין אַקט און דריי סצענעס

מיט געזאַנג און טענץ



נחמיה קאַפּלאַן

Copyright by
SHOLOM ALEICHEM FOLKS INSTITUTE, Inc.
1 9 2 5

כאראַקטערס:

ראָזע, קיניגין פון בלומען־גאָרטן.

ווייאָלעט	הויף־דאַמען
ווייסע לילע	
טוליפּ	
רויז	
פאַרגעס מיך ניט	
בלויע גלאָקן בלום	

געלע שטערן בלום

בין, אינטימע פריינדין פון דער קיניגין

שמעטערלינג	יונגע אַריסטאָקראַטן
פייערפליג	

1טער זשוקעלע	וואַנדערער
2טער זשוקעלע	

מאַרגאַריטקעס און מאָן בלימעלאַך.

פּלאַץ:

אַ בלומען גאָרטן

צייט:

ערשטע סצענע: נאָך זונען אונטערגאַנג.

צווייטע סצענע: אינמיטן נאַכט.

דריטע סצענע: פרימאָרגן.

ערשטע סצענע

די סצענע שטעלט פאָר אַ בלומען גאָרטן דעם לעצטן טאָג אין מאַי. די ראָזע שטייט אין מיטן אויף אַ הויכן קוסט, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקעלע, און אַרום איר שטייען די הויף־דאַמען. צווישן די בוימען איז אָנגעשאָטן געלער זאַמד. באַ דער זייט איז אַ גרינע לאַנקע. אין אַ ווינקל וואַקסט אַ גרויסער שאָטנדיקער בוים, און אונטער אים שטייט אַ באַנק באַדעקט מיט גראָז. אין הינטערגרונד זעט זיך אַ הויכער באַרג באַדעקט מיט בוימער און בלומען.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף הערט מען פון הינטער דער בינע אַ מעלאָדי פון אַ פּאַסטוכער פייפל. די בלומען שטייען באַוועגלאָז און הערן זיך צו. ווען עס ענדיקט זיך הויבן זיי אָן צו זינגען אין כאָר

ווי שטיל דאָ איז, ווי פריי, ווי גוט,
ניטאָ באַ אונדז פון זאָרג קיין שפּור ;
מען פילט זיך פעסט און שטאַרק אין מוט
אין ווייכן שוים פון דער נאַטור.
ווי שיין עס איז דער הימל־רייך,
ווי זיס — דער פויגל־כאָר געזאַנג ;
ווי צאַרט עס רוישט פון קליינעם טייך
דער שטילער מאָנאָטאָנער קלאַנג.

(די ראָזע גיט אַ סיגנאַל מיט איר שטעקעלע. די בלומען גייען אַרונטער פון זייערע פּלעצער און רינגלען זי אַרום).

ר אָ ז ע : איצט מיינע טייערע, ווען מיר זיך נע־מען גרייטן צו אונדזער היינטיקן לבנה-ליכט באַל, לכבוד דער פּרינצעסין יוני. ווי איר ווייסט דערוואַרטן מיר אַ געוויסע צאָל געהויבענע געסט, צווישן זיי דעם פּרינץ שמעטערלינג, לאָרד פייערפליג און אייניקע באַ־רימטהייטן פון באָטאַנישן גאָרטן.

ד י ב ל ו מ ע ן : מיר ווייסן, ליבע קיניגין. מיר ווייסן. מיר זיינען העכסט צופרידן מיט דעם.

ר אָ ז ע : (צו דער ליליע) דו מיין ליבע ליליע, וועסט זיין אַזוי פריינטלאַך און צוגרייטן פאַר די געסט טוי אין דיינע בעכערלאַך.

ל י ל י ע : (פאַרנייגט זיך) איך וועל עס צוגרייטן, טייערע קיניגין. (גייט אָפּ אָן אַ זייט, זעצט זיך אויפן גראָז און גרייט צו בעכערלאַך).

ר אָ ז ע : (צו דער ווייאָלעט) דו, מיין טייערע, וועסט מכבד זיין דעם עולם מיט בלומען שטויב.

ו ו י י אָ ל ע ט : (פאַרנויגט זיך) איך בין שטענ־דיק גרייט אייך צו דינען, ליבע קיניגין. (זעצט זיך נעבן דער לילע און גרייט צו טעצעלאַך פאַר בלומען שטויב).

ר אָ ז ע : (צו דער רויז) דו, מיין ליבע רויז, וועסט דערפילן די פליכטן פון אַ צערעמאָניע-מייסטער.

ר ו י ז : (פאַרנויגט זיך) איך וועל עס טאָן מיט פאַרגעניגן, אייער מאַיסטעט.

ר אָ ז ע : און איצט, מיינע ליבע...

ש ט ע ר ן ב ל ו ם : (דערזעט עטוואָס אין דער הויך און רופט פריילאַך אוים) אָ, די פרינצעסן יוני פאַרט שוין!

אַ ל ע : (קוקן אין דער הויך) וואו? וואו?

ש ט ע ר ן ב ל ו ם : (אָנצייגנדיק מיטן האַנט) אָט דאָרטן! זי רייט אויף אַ שיינעם זילבערנעם וואָלקן.

אַ ל ע : (פאַטשן פריילאַך מיט די הענט) יאָ, יאָ!

(די ראָזע גיט אַ סיגנאַל מיט איר שטעקעלע און אַלע זינגען אין כאָר)

עס קומט שוין, עס קומט שוין
דער זומער, דער ליבער,
ער איז שוין פון אונדז גאָרניט וויט;
מיר וועלן דאַן דורשטיק
געניסן פון לעבן,
עס קומט אונדזער גליקלאַכסטע צייט!

(עס קומען אַריין די זשוקעלאַך און הערן זיך צו איבעראַשט).

עס וועלן אונדז צערטלען
די וואַרימע שטראַלן
און זשומען די לוסטיקע בינען;
מיר וועלן זיך וויגן,
געגלעט פון די ווינטן,
און זיסע חלומות זיך שפינען.

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : וואונדערבאַר!

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : (פאַטשט מיט די הענט) בראַוואָ! בראַווּיסימאָ!

(די בלומען קוקן אין דער הויף און ריידן שטיל צווישן זיך).

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : ווי גאַסטפריינטלאַך זיי זיינען. דאָס זינגען זיי דאָך פון אונדזער כבוד וועגן!

צ ו ו י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : (מיט אַ שמייכל) וואָס דיר קען זיך דוכטן. זיי האָבן אונדז אַפילו אין זינען ניט די אַריסטאָקראַטקעס.

ר ו י ז : (באַמערקט זיי און גייט שנעל צו) וואָס פאַרלאַנגט איר?

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : אַנטשולדיקט, מאַדאַם, קען איך...

ר ו י ז : (אונטערברעכנדיק) ווי האָט איר געוואַגט אַריינצוקומען אָן אַן איינלאַדונג?

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : (איבעראַשט) אַן איינלאַדונג! צו וואָס דאַרף מען דאָס?

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : מיר ווילן בלויז הערן ווי די בלומען זינגען און...

ר ו י ז : (מיט אַ בייזן אויסדרוק) ניט פאַר אַזעלכע אַרומשלעפּער ווי איר זינגען די בלומען.

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : שרייט ניט אַזוי, מאַדאַם. איר קענט נאָך אייער שטימע איבערפירן. (גייט אָפּ אין דער ריכטונג צום בוים און דער צווייטער פאָלגט אים נאָך) וואָס פאַר אַ בייזע זי איז! (זעצט זיך אויפן באַנק).

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : זי איז אין דער

נאַטור גאָר ניט אַזאַ שלעכטע, נאָר עס איז איר פּליכט צו האַלטן אָרדנונג אין גאָרטן.

צוויי טע ר זשוקעלע: אַ שיינע אָרד־נונג! ניט אַריינצולאָזן פרידלאַכע שכנים אין גאָרטן איז קעגן די איידלסטע טראַדיציעס פון אונדזער פרייען לאַנד.

ערשטער זשוקעלע: ווי דו ווייסט זיינען בלומען אַביסל לייכטזיניק און לאָזן זיך באַאיינפלוסן פון פוסטע לופט פליער. (דערזעט די בין אַריינקומענ־דיק) אַט קומט שוין די פּלאַפּלערקע.

בין: (צוגייענדיק צו די בלומען) זשום! זשום! גוטן אָוונט אייך, מיינע ליבע! וואָס מאַכט איר, קי־ניגין?

ראָזע: זייער גוט, ליבע פריינדין. ווי פילסטו זיך?

בין: אויסגעצייכנט, ווי אַלעמאָל. מען אַרבעט שווער, אָבער דאָס לעבן איז גאַנץ אָנגענעם. מיין משפחה האָט זיך איצט איבערגעקליבן אין אַ נייער זו־מער היים אויף אַ צווייג פון אַן עפּל בוים. איר האָט געדאַרפט זען ווי פּראַכטפול עס איז דאָרטן!

ראָזע: וואו איז עס?

בין: אויף יענער זייט באַרג, נאָענט פון דעם ברייטן וועג.

ווייאָלעט: ניט ווייט פון באָטאַנישן גאָרטן געוויס.

בין: (פּאַרקרימט זיך) דערמאָן ניט, טייערע,

יענעם פלאַץ. איך קריג שטענדיק אַ קאָפּ ווייטיק, ווען איך פלי דורך דעם דאָזיקן מוזייאום.

ר אָ ז ע : (לאַכט זיך פאַנאַנדער) אַ מוזייאום גאָר! עס איז דאָך אַ גאָרטן פון לעבעדיקע בלומען.

ב י ן : בלומען זיינען זיי? לעמעדיקע מומיעס, קעניגין (קוקט זיך אום) אַ, איר גרייט זיך שוין צום באַל, ווי איך זע.

ר אָ ז ע : אַלעס איז שוין גרייט, ליבע בין. איך האָף, דאָס דו וועסט פאַרבלייבן מיט אונדז צו דער שמחה.

ב י ן : עס טוט מיר זייער לייד, אָבער איך קען ניט, ווייל איך בין מיד פון דער אַרבעט און מוז האָבן רו. מאָרגן גאַנץ פרי וועל איך זיין בא אייך און אויפמאָנען מיין חלק נאַשעריי. (שמייכלט. דערמאָנט זיך פלוצלונג) אָ, איך האָב פאַר אייך אינטערעסאַנטע נייס.

ר אָ ז ע : וועלכע נייס?

ב י ן : איר וועט זיין איבעראַשט. איך וואָלט עס קיינמאָל ניט געגלויבט, ווען איך זאָל עס ניט זען מיט מיינע אויגן.

ר אָ ז ע : וואָס איז אַזוינס? זאָג שוין.

ב י ן : די מענטשן איז געלונגען נאָכצומאַכן קינסטלאַך אַלערליי בלומען. (אַלע קוקן אָן איבעראַשט).

ר אָ ז ע : וואָס!

ל י ל ע : עס איז אונמיגלאַך!

ר אָ ז ע : (מיט אַ שמייכל) דו האָסט עס אודאי געזען אין דיינע לופט חלומות.

ב י ן: ליידער איז עס ניט קיין חלום.

ו ו י י אָ ל ע ט: אָבער ווי קענען זיי מאַכן לע־בעדיקע בלומען?

ב י ן: עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך וואָס די צוויי פּיסיקע ברואים זאָלן ניט קענען. הערט די מפּלה וואָס איך האָב היינט געהאַט. פליענדיק פאַרנאַכט נאָענט באַם וועג האָב איך זיך דערפילט אַביסל מיד און זיך געזעצט אָפּרוען אויף אַ האָרן פון אַ קו, וואָס איז פאַר־בייגעגאַנגען. פּלוצלונג האָב איך דערזען אַ שיין מיידל, אַרויסקומענדיק פון אַ דערבייאיקער הויז, און באַ איר אויפן ברוסט אַ זעלטענע רויטע בלום. איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט און מיט איין שפּרונג בין איך איר אַרויסגעפאַלן אויפן האַלדז.

ג ל אָ ק ן ב ל ו ם: ווּעמען? דער קו? (אַלע פּלאַצן אויס אין אַ געלעכטער).

ב י ן: אייך איז גוט צו לאַכן, אָבער מיר איז שוין גאָרניט געווען פריילאַך. ווילט איר הערן דעם סוף?

אַ ל ע: יאָ, יאָ, דערציילט.

ב י ן: איך האָב אָנגעהויבן צו זויגן די בלימעלע און גלייך דערפילט אַ זויערן טעם אין מויל. איך קוק זיך גוט צו, ערשט עס איז גאָר געמאַכט פון געפאַרבטע פּאַפּיר. פון גרוים כעס האָב איך אַ בים געטאָן דאָס מיידל און בין שנעל אַוועק.

ל י ל ע: ווי האָט דיר געשמעקט דער בים?

ב י ן: פרעג שוין גאָר ניט, ליבע לילע. עס איז

מיר נאָך איצט ביטער אין מויל פון דער פאַרב. מיט דיין דערלויבניש וועל איך נעמען אַ זופּ טוי. (לילע גייט אָפּ, גיסט אָן אַ בעכערל און גיט איר).

ב י ן : (הויבט אויף דעם בעכער) פאַר אייער אַלעמענס געזונט! (טרינקט).

ל י ל ע : ווי געפעלט דיר דער טוי?

ב י ן : וואונדערבאַר! שוין לאַנג אַזעלכע ניט געטרונקען. (קוקט אויפן הימל). עס ווערט שוין שפּעט און איך מוז אייך פאַרלאָזן, מיינע ליבע. אַ גוטע און פריילאַכע נאַכט אייך אַלעמען! אַמוזירט זיך. (גיט אַלעמען אַ לופט קוש און גייט צום אַרויסגאַנג. פאַרביי־גייענדיק באַמערקט זי די זשוקעלאַך און שטעלט זיך אָפּ). גוטן אָוונט, ליבע שכנים! וואָס זיצט איר עפּעס דאָ אַליין?

ע ר ש ט ע ר   ז ש ו ק ע ל ע : אַזוי זיך. מיר האָבן ליב איינזאַמקייט.

ב י ן : (מיט אַ שמייכל) אָ, איך פאַרשטיי. (גיט אַ וואונק אין דער ריכטונג צו די בלומען).

ע ר ש ט ע ר   ז ש ו ק ע ל ע : וואָס מיינט איר?

ב י ן : איך וואָלט אייך ראַטן דאָס איר זאָלט זיך אויסלערנען גוט פליען וועט מען אייך אַריינגעמען אין דער בעסערער געזעלשאַפט.

צ ו ו י י ט ע ר   ז ש ו ק ע ל ע : (בייז) מיר זיי־נען אייך מוחל אייערע עצות.

ב י ן : ניט געבייזערט זיך, ליבער זשוקעלע. מען זאָגט, אַז אויפרעגונג איז שעדלאַך פאַרן געזונט. (גיט

אַ מאַך מיטן האַנט). אַ גוטע נאַכט! (גייט אַרויס מור־מלענדיק אַ מעלאָדי).

ערשטער זשוקעלע: אַ פּלאַפּלערקע אָבער אַ גוטע נשמה. (די ראָזע גיט אַ סיגנאַל, די מו־זיק הויבט אָן צו שפּילן אַ וואַלס און אַלע בלומען טאַנצן).

צווייטער זשוקעלע: זע, ווי מייסטע־טיש די קיניגין איז! וויפיל חן עס איז אויסגעגאָסן אויף יעדער באַוועגונג אירער.

ערשטער זשוקעלע: און די לילע. איך דענק, אַז זי איז שענער ווי די ראָזע.

צווייטער זשוקעלע: זי איז צו בלאַס.

ערשטער זשוקעלע: (שפּרינגט אונ־טער אויף זיין פּלאַץ). ווי אָנגענעם עס וואָלט געווען צו טאַנצן אַביסל. די פיס הויבן זיך באַ מיר.

צווייטער זשוקעלע: דו האָסט דאָך צווישן אונדזערע אַ שם פאַר אַ באַרימטן טענצער. פאַר־וואָס זאָלסטו ניט איינלאַדן איינע פון די בלומען?

ערשטער זשוקעלע: איך וואָלט עס זייער וועלן, אָבער איך האָב מורא דאָס די רויז וועט ווידער שרייען.

צווייטער זשוקעלע: עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר איר. זי איז דאָ ניט די בעל הביתטע.

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : (מאַכט זיך מוט) אין דער אמתן. אויף אַ באַל איז יעדן דערלויבט צו טאַנצן. קום (גייט צו צו דער ווייאָלעט און פאַרנייגט זיך) דערלויבט מיר אייך איינצולאַדן צו אַ טאַנץ, געשעצטע ווייאָלעט.

ו ו י י אָ ל ע ט : אַנטשולדיקט מיר, איך בין זייער מיד. (קערט זיך אָפּ פון אים).

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : (צוגייענדיק צו דער לילע) אַנטשולדיקט, מאַדאַם. מיין ברודער איז אַן אויסגעצייכנטער טענצער. קען ער האָבן דאָס פאַרגעניגן צו טאַנצן מיט אייך?

ל י ל ע : (קומט אים אָן שטאָלץ) ווייסטו, גרינער, מיט וועמען דו רעדסט?

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : (העפלאַך) געוויס. איר זייט דאָך די שיינע ווייסע לילע.

ל י ל ע : איך בין די צווייטע פון דער קיניגין.

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : מיין ברודער וועט זיך פילן העכסט געשמייכלט פון דעם כבוד מיט אייך...

ל י ל ע : (רייסט אים איבער בייז) דו האָסט מער חוצפה ווי שכל. (קערט זיך אָפּ מיט פאַראַכטונג).

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : (צוגייענדיק צו דער ראָזע) ווילט איר פיליכט טאַנצן מיט מיר, גנעדיקע קיניגין? איך האָב אַ נאָמען פאַר אַ קינסטלער אין דעם פאַך.

ר אָ ז ע :   (קוקט אים אָן איבעראַשט און וואַרפט אַ בליק אויפן צווייטן) ווי קומט איר אַהער, זשוקעלאַך? ווער האָט אייך אַריינגעלאָזן?

צ ו ו י י ט ע ר   ז ש ו ק ע ל ע :   (מיט פאַרדרוס) דאַרף מען דען האָבן אַ דערלויבנים אַריינצוקומען אַהער? איז דען דאָס לאַנד ניט פריי פאַר אַלעמען?

ר ו י ז :   וואָס פאַר אַ חוצפהדיקע ברואים! איך האָב גלייך פאַרשטאַנען דאָס זיי מוזן זיין אַרומשלעפּער.

ג ל אָ ק ן   ב ל ו ם :   זיי האָבן זיך געדאַרפט שעמען צו דערשיינען דאָ אין אַזעלכע קליידער.

ש ט ע ר ן   ב ל ו ם :   און נאָך באָרוויסע דערצו.

ע ר ש ט ע ר   ז ש ו ק ע ל ע :   אונדזערע קליידער זיינען ריין און מיר האָבן זיך ניט מיט וואָס צו שעמען.

צ ו ו י י ט ע ר   ז ש ו ק ע ל ע :   מיר זיינען נאַטור קינדער און פאָלגן ניט נאָך די נאַרישע מאָדעס.

ר אָ ז ע :   זאָל זיין גענוג! גייט זיך אייער וועג, זשוקעלאַך, און שטערט אונדז ניט.

אַ ל ע   ב ל ו מ ע ן :   (שטויסנדיק זיי) גייט, גייט!

ר ו י ז :   מיר דאַרפן דאָ ניט קיין אומגעוווינשטע וואַנדערער.

צ ו ו י י ט ע ר   ז ש ו ק ע ל ע :   שטויסט זיך ניט! מיר גייען אַליין.

ע ר ש ט ע ר   ז ש ו ק ע ל ע :   מיט אַזעלכע אָנגעצויגענע שכנים איז אונדז גאָר ניט אינטערעסאַנט צו פאַרברייגגען.

צווייטער זשוקעלע: (קערט זיך אום באַם אַרויסגאַנג) שעמען מעגט איר זיך מיט אייער האַנדלונג! צוליב אַ באַמערקונג פון אַ פאַלשן און לייכטזיניקן שמעטערלינג אָדער פייער פליג זייט איר גרייט צו פאַרשטויסן אייערע אמתע און אויפריכטיקע פריינט. (ביידע גייען ארויס און די בלומען שיסן אוים אין אַ געלעכטער).

גלאָקן בלום: וואָס פאַר אַ חוצפה די גריי־נע האָבן דאָס!

לילע: מאָדנע ברואים.

פאַרגעס מיך ניט: איך זע ניט איין מיט וואָס זיי זיינען דאָס אַזוי מאָדנע. זיי האָבן פונקט ווי מיר אַ פאַרלאַנג זיך צו אַמוזירן.

טוליפּ: ווער שטערט זיי דען? דאָס פעלד איז גרויס גענוג.

וויאָלעט: מיר קענען ניט צולאָזן אין אונדזער געזעלשאַפט אָפּגעריסענע שלעפער.

פאַרגעס מיך ניט: דאַרפן מיר דען משפטן אונדזערע שכנים נאָך זייערע קליידער נאָך?

וויאָלעט: ניין, אָבער עס איז דאָך ניט אונדזער שולד, ווען מיר געפינען מער אינטערעס אין געשפרעכן מיט שיינע און גלענצענדע לופט פליער.

פאַרגעס מיך ניט: די זשוקעלאַך האָבן פיל בעסערע כאַראַקטערס ווי יענע און זיינען מער אויפריכטיק.

ר אָ ז ע : מעג עס זיין אמת, מיין טייערע, אָבער בּאַ בלומען איז שיינקייט איבער אַלעם.

ש ט ע ר ן ב ל ו ם : (קוקנדיק אין דער ריכ-טונג פון באַרג שרייט פלוצלונג אוים) אָט קומען שוין אונדזערע געסט!

אַ ל ע ב ל ו מ ע ן : (מיט פרייד) וואו? וואו?

ש ט ע ר ן ב ל ו ם : (אָנצייגנדיק) אָט זיינען זיי דאָרטן אונטערן באַרג!

ל י ל ע : איך זע! ווי לוסטיק זיי זיינען!

ו ו י י אָ ל ע ט : ווי שיין זיי האָבן זיך אויסגע-פ ו צ ט!

ג ל אָ ק ן ב ל ו ט : ווי גראַציעז עס זיינען באַם שמעטערלינג די פיסעלאַך!

ט ו ל י פּ : און ווי טרוימעריש עס פינקלען בּאַ דעם פייער פליג די אויגן! (די בלומען מאַכן צורעכט זייערע קליידער און האָר. דער שמעטערלינג און דער פייער פליג קומען צו, באַגריסן די בלומען און גייען צו גלייך צו דער קיניגין.)

ש מ ע ט ע ר ל י נ ג : (פאַרנייגט זיך) ווי גליק-לאַך איך בין אייך צו זען, שיינע קיניגין! איך דאַנק אייך פאַר אייער איינלאַדונג.

ר אָ ז ע : (גיט אים די האַנט) איר זייט אונדז העכסט ווילקאָמען, פרינץ.

פ י י ע ר פ ל י ג : (פאַרנייגט זיך) זייט גע-גריסט, שענסטע צווישן בלומען! איך פיל זיך העכסט געשמייכלט פון דעם כבוד צו זיין אויף אייער באַל.

ר אָ ז ע : (דריקט זיין האַנט) מיר זיינען זייער צופרידן, לאָרד, וואָס איר זייט געקומען.

ש מ ע ט ע ר ל י נ ג : איך האָף דאָס מיר האָבן ניט פאַרשפּעטיקט.

ר אָ ז ע : (מיט אַ שמייכל) איר האָט ווירקלאַך אַביסל פאַרשפּעטיקט. מיר האָבן דאָ געהאַט וואונדער־לאַכע טענצער. (די בלומען שיסן אוים אין אַ געלעכ־טער).

ש מ ע ט ע ר ל י נ ג : (איבעראַשט) וואונדער־לאַכע טענצער!

פ י י ע ר פ ל י ג : ווער זיינען זיי?

ר אָ ז ע : (ווייזט אָן אויף דער רויז, לאַכנדיק) פרעגט דעם צערעמאָניע מייסטער.

פ י י ע ר פ ל י ג : (צו דער רויז) זאָגט אונדז, ליבע רויז. זעט איר ניט ווי ניינעריק מיר זיינען?

ר ו י ז : אונדזערע שכנים, די גרינע זשוקעלאַך. (לאַכט).

ש מ ע ט ע ר ל י נ ג : זשוקעלאַך!

פ י י ע ר פ ל י ג : (מיט אַ מינע פון פאַראַכ־טונג) אויך מיר טענצער. און איך האָב געמיינט דאָס געוויסע קינסטלער פון באָטאַנישן גאָרטן האָבן געגעבן אַ טאַנץ פאָרשטעלונג. (לאַכט).

ר ו י ז : (מיט היץ) איר האָט געדאַרפט הערן מיט וואָס פאַר אַ חוצפה די גרינע האָבן גערעט. מיר האָבן נאָר אָנגעפאַנגן דעם ערשטן טאַנץ ווי די אומ־געבעטענע געסט האָבן זיך אַריינגעגנבעט און . . .

ווייאַלעט: (אונטערברעכנדיק) צוערשט האָבן זיי מיך איינגעלאַדן צו אַ טאַנץ.

לילע: נאָכדעם האָבן זיי מיך געוואָלט באַגליקן מיט דעם כבוד. (לאַכט).

רויז: און דאַן האָבן זיי אַפילו געוואַגט איינצולאַדן אונדזער קיניגין.

שמעטערלינג: (אין כעס) וואָס פאַר אַ חוצפּהדיקע ברואים.

פייער פליג: אַזאַ געוואַגטקייט!

לילע: איר האָט געדאַרפט הערן ווי גראָב די קבצנים זיינען געווען. (קרימט נאָך די זשוקעלאַך). „דאַרף מען דען האָבן אַ דערלויבנים אַריינצוקומען אַהער? איז דען דאָס לאַנד ניט פריי פאַר אַלעמען?"

שמעטערלינג: פאַר אַזעלכע געוואַגטע רייד האָט מען זיי געדאַרפט גוט אָנלערנען.

פייער פליג: געווים האָט מען די רעוואָלוציאָנערן פאַרשפּאַרט ערגיץ אין אַ לאָך פון אַ פּוסטן בוים.

רויז: ניין. מען האָט זיי בלויז אַרויסגעשיקט.

שמעטערלינג: די גנעדיקע קיניגין האָט געהאַנדלט גרויסמוטיק ווי תּמיד.

פייער פליג: עס איז זייער איידל פון אייך, ליבע קיניגין, צו זיין אַזוי מילד צו די פאַרברעכער, אָבער...

ראָזע: אַנטשולדיקט, לאָרד. די זשוקעלאַך זיינען ניט קיין פאַרברעכער.

פ י י ע ר פ ל י ג : אָבער ווי ווייט איך ווייס זיינען זיי די גרעסטע שונאים פון אונדזער אַריסטאָ־קראַטישער משפּחה און זייער פּראָפּאַגאַנדע אין די פעלדער איז פאַר אונדז געפערלאַך.

ר אָ ז ע : (מיט אַ שמייכל) איר נעמט די זאַך צו ערנסט, ליבער לאָרד. אָבער לאָמיר לאָזן צו רו די אָרימע וואַנדערער. איר זייט געווים מיד פון וועג און נויטיקט זיך אין דערפרישונג. (זי גיט אַ צייכן צו דער לילע און וויאָלעט און זיי טראָגן צו כיבוד).

ש מ ע ט ע ר ל י נ ג : (פאַרזוכנדיק די בלומען שטויב) די בלומען שטויב שמעקט זייער גוט. שוין לאַנג אַזאַ געשמאַקן טעם ניט געפילט.

פ י י ע ר פ ל י ג : (זופנדיק טוי פון בעכערל) ווי געשמאַק די טוי איז. אמתער נעקטאַר.

ר אָ ז ע : און איצט וועלן מיר אָפיציעל אָנפאַנ־גען אונדזער באָל. (זי גיט אַ סיגנאַל, די מוזיק הויבט אָן צו שפילן אַ מאַזורקע און אַלע טאַנצן פאַרוויז. אין מיטן קומען אָן פאַרשיידענע געסט).

צווייטע סצענע

נאָך האַלבע נאַכט. די בלומען צוזאַמען מיט זייערע געסט זיצן אין אַ האַלבן קרייז אויפֿן גראָז. פֿאַר זיי שטייען בעכערלאַך מיט טוי־ און בלומען־שטויב. אַלע זענען אויס פֿריילאַך געשטימט, אַנדערע לאַכן, אייניקע סודן זיך. די ראָזע גיט אַ מאַך מיט איר שטעקעלע און די רויז הויבט זיך אויף.

ר ו י ז : אָרדנונג! (קוקט אַריין אין אַ בלאַט). נעקסט אויף אונזער פּראָגראַם איז אַ קופּלעט געזונגען פֿון אונזער ליבער שוועסטער, די טוליפּ. (אַלע פּאַטשן מיט די הענט און די טוליפּ הויבט זיך אויף).

ט ו ל י פּ : איך וועל אייך זינגען אַ ליד, וואָס איך האָב געהערט אין באָטאַנישן גאָרטן פֿון דער קאַמעליע יאַפּאָניקאַ. עס הייסט „דער אינזל פֿון ליבע" (זינגט):

א קליינער אינזל אויפֿן ים,
ניין, עס איז פֿאַר מיר קיין אָרט:
ער שיינט צו זיין גאַנץ איינזאַם, פּוסט,
ווי קען איך וואוינען דאָרט?
וואָס זע איך דאָרט? — אַ פֿויגעלע
הייבט זיך צום הימל שיין!
איך האָב געענדערט מיין באַשלוס
און וויל שוין דאָרטן זיין.

אַ פויגל פליט,
מוז זיין אַ פעלד,
און וואו אַ פעלד
דאָרט איז אַ בלום
און וואו אַ בלום
דאָרט איז אַ בין,
און וואו אַ בין
מוז ליבע זיין.
דאַן איז דער אינזל גרוים גענוג
פאַר מיר אויף יענעם אָרט:
(די בין קומט אַריין און בלייבט שטיין אומבאַ-
מערקט).
אויב ליבע איז דאָ, איז אַלעס דאָ
אויף יענעם אינזל דאָרט!
(אַלע אַפּלאָדירן).

ב י ן: (גייט צו נענטער, פּאַטשנדיק מיט די הענט) ריכטיק! זייער ריכטיק! (ווידערהאָלט) „אויב ליבע איז דאָ, איז אַלעס דאָ אויף יענעם אינזל דאָרט".
(נעמט אַ בעכערל טוי) איך טרינק פאַר דער איידעלער בלום פון ליבע, די אָנערקענטע קיניגין פון בלומען גאָרטן! (אַלע אַפּלאָדירן און די בין טרינקט).

ר אָ ז ע: (הויבט אויף איר כוס) פאַר דעם איינגן פאַרבאַנד פון ליבע און פריינטשאַפט וואָס עקזיסטירט צווישן די טרוימער פון דער לופט און דער בלומען משפחה! (אַלע אַפּלאָדירן און טרינקען).

ר ו י ז: איצט וועלן מיר האָבן דאָס פאַרגעניגן

צו הערן אַ ליד פון אונדזער באַליבטער פריינדין, די בין.

ב י ן : (מיט אַ שמייכל) פּאַר אייך, בלימעלאַך, בין איך שטענדיק גרייט צו זינגען (זינגט) :

לוסטיק, פריי שוועבט אום די בין
אין פעלד און וואַלד אָן זאָרגן ;
זי פאַרשט פון לעבן ניט דעם זין
און טראַכט ניט וועגן מאָרגן.
זשום, זשום, זשום זשום,
זשום, זשום, זשום.
זשום, זשום, זשום זשום,
זשום, זשום, זשום.
מיט פריינטשאַפט פול איז יעדער קוש
וואָס זי שיינקט צו די בלומען ;
זי גיט פון יעדער בלום אַ נאַש
און קען דאַן פריילאַך זשומען.
זשום, זשום, א. ז. וו.
זי קען קיין שקלאַף צו קיינעם זיין,
ווייל פרייהייט איז איר לעבן ;
זי זויגט דעם בלומען זאַפט אַריין
און קען דאַן האָניק געבן.
זשום, זשום, א. ז. וו.

(אַלע אַפּלאָדירן).

ר ו י ז : נעקסט אויף אונדזער פּראָגראַם איז אַ דעקלאַמאַציע פון אונדזער אַלגעמיין באַליבטער און הויכגעשעצטער קיניגין, איר מייסטעט די ראָזע. (לאַנגע

אַפּלאַדיסמענטן. די ראָזע הויבט זיך אויף פון איר פּלאַץ).

ר אָ ז ע : איך וועל אייך דעקלאַמירן אַ פּאָעמע, וועלכע הייסט „מיט ליבע פול איז די נאַטור“ :

(דעקלאַמירט)

מיט ליבע פול איז די נאַטור,
עס גליען פונקען איבעראַל ;
אין אַלץ וואָס לעבט און עקזיסטירט
דרינגט דורך אַ פונק פון ליבעס קוואַל.

די זון נעמט היים די ערד אַרום
און שטראַלט מיט העלער פרייד און קראַפט ;
די ערד דריקט אירע קינדער פעסט
און שפּייזט זיי צערטליך מיט איר זאַפט.

פון וואָלקנס ווערט דער באַרג געקושט,
די גרעזעלאַך — פון יעדן ווינט ;
מיט מוטערליבע וויגט און גלעט
דער טייך זיין יעדן איינציק קינד.

עס טוליען זיך ווי שוועסטער נאָנט
די צווייגעלאַך אויף יעדן בוים ;
אין יעדער הייל, אין יעדן נעסט
איז דאָ אַ פרייד, איז דאָ אַ טרוים.

אַ פונק פון ליבע איז פאַראַן
אין יעדער חיה, עוף און שלאַנג ;
עס הילכט אַמאָל אין ברום פון לייב
אַ צערטלאַכער און ווייכער קלאַנג.

מיט ליבע פול איז די נאַטור,
עס גליען פונקען איבעראַל;
אין יעדן איינציקן פון אונדז
איז דאָ אַ פונק פון ליבעס קוואַל.
(אַלע אַפּלאָדירן).

שמעטערלינג: וואונדערבאַר!

פייער פליג: גרויסאַרטיק!

רויז: און איצט וועלן מיר האָבן דאָס פאַרגעניגן בייצוואוואוינען אַ באַלעט פון אונדזער ווירדיקן גאַסט, לאָרד פייער-פליג, מיט אונדזער ליבער שוועסטער די געשעצטע לילע. (די מוזיק שפילט אַ באַלעט און ביידע טאַנצן. ווען דער טאַנץ איז צו ענדע, הערט זיך פון הינטער דער בינע אַ קריי פון אַ האָן. אַלע שטעלן זיך אויף).

ראָזע: (זינגט)

עס קרייט מיט פרייד זיין מאָרגן-ליד
אין פעלד דער שטאָלצער האָן;
„עס קומט אַ ליבער גאַסט, עס טאָגט!"
זאָגט ער די בשורה אָן.
עס האָט דער הימל ענדלאַך שוין
באַפרייט זיך פון דער נאַכט
און האָט דער וועלט אַ ליכטיק קינד—
אַ נייעם טאָג געבראַכט!"

אַלע אין כאָר:

קו-קו-קו-רי-קו,
קו-קו-רי-קו!

ראָזע:
„שטייט אויף, איר קינדער פון נאַטור,
טוט מונטער אייער פליכט;
די פינסטערניש איז שוין אַוועק,
עס שטראָמט אַ קוואַל פון ליכט.
עס טאָגט! עס טאָגט! רוישט איבעראַל
דער פרייער מאָרגן ווינט;
שטייט אויף, איר קינדער פון נאַטור,
וואַך אויף, דו מענטשנקינד!
כאָר: קו-קו-רי-קו, א. ז. וו.

ראָזע:
די וועלט איז גרוים און ברייט גענוג,
די בערג מיט אוצרות רייך;
מיט שפּייז באַזאָרגט אייך פריי די ערד,
מיט וואַסער-קוואַל און טייך.
וואַכט אויף און נעמט פון אַלעם פריי,
וואָס די נאַטור פאַרמאָגט;
שטייט אויף, איר קינדער פון נאַטור,
און זעט: עס טאָגט! עס טאָגט!“
כאָר: קו-קו-רי-קו, א. ז. וו.

דריטע סצענע

פּאַרטאָג. די בלומען און זייערע געסט זיינען אַוועק אויף אַ שפּאַציר. די ראָזע זיצט אויף דער ערד, דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזען און וויינט. נאָך אַ קורצער פּאַוזע הויבט זי אויף דעם קאָפּ.

ראָזע: (מיט אַ זיפץ) ווי שווער עס איז צו בלייבן גאַנץ אַליין, ווען מען איז קראַנק. (קוקט זיך אַרום). וואָס פאַר אַ וואונדערלאַכער פרימאָרגן! ווי שיין די פייגעלאַך זינגען זייער מאָרגן געבעט. (זינגט מיט אַ שוואַכער שטים).

ווי ריין און קלאָר די לופט,
ווי זיס דער אַראָמאַט!
עס טריפט אַ בשמים דופט
פון יעדן צווייג און בלאַט.

די ערד האָט זיך באַדעקט
מיט אַ העל-גרינעם קלייד;
עס רופט די זון און וועקט
צו טעטיקייט און פרייד.

נאָר איך בין עלענד, קראַנק,
עס שלאָגט מיין לעצטע שעה;
איך ווער פאַרברענט, איך צאַנק
און קיינער איז ניטאָ...

(לייגט צו די האַנט צום האַלדז) גאָט מיינער...
אַביסל וואַסער... וואו זייט איר אַלע מיינע פריינט?
(פאַלט האַלב אַנידער און בלייבט שטיל. אין אַ ווײַלע
אַרום קומט אַריין די פייער־פליג, געאַרעמט מיט דער
טוליפּ).

פ י י ע ר פ ל י ג : (ניט באַמערקנדיק די ראָזע)
ווי שטיל דאָ איז ווען די בלומען זיינען ניטאָ. דער
גאָרטן זעט אויס ווי אַ פוסטער פאַרלאָזענער פּאַלאַץ.

ט ו ל י פּ : פּונקט ווי אין דער צויבער מעשהלע,
וועלכע איר האָט מיר דערציילט.

פ י י ע ר פ ל י ג : (נעמט זי אָן פאַרן האַנט)
קומט, לאָמיר נאָך אַביסל אַרומשפּרינגען צווישן די קאָרן.
עס איז נאָך פרי.

ט ו ל י פּ : (מיט אַ פריילאַכן שמייכל) קומט.
(דערזעט פלוצלונג די ראָזע און בלייבט שטיין צע־
שראָקן). די קיניגין...

פ י י ע ר פ ל י ג : (באַטראַכט זי פון דער
ווייטן). ווי בלאַס זי זעט אויס די אָרימע. געווים צופיל
געטרונקען.

ר אָ ז ע : (דערהערט זיין שטים און הייבט אויף
דעם קאָפּ) דאָס זייט איר, מיין ליבער לאָרד? עפּעס
פיל איך זיך ניט גוט. גיט מיר אַ טרונק און זוכט ערגעץ
אויס מיין שטעקעלע.

פ י י ע ר פ ל י ג : (מיט אַ צעטראָגענעם בליק)
אַנטשולדיקט, גנעדיקע קיניגין. איך וואָלט עס גערן
געטאָן, אָבער אויף דער לאַנקע דערביי איז איצט אַ

זייער וויכטיקע פֿאַרזאַמלונג און מען ווארט אויף מיר. איך וועל גלייך אַריינשיקן אימיצן. (גייט צו דעם אַרויס־גאַנג, מיטשלעפּנדיק מיט זיך די טוליפּ, וועלכע רייסט זיך צו דער ראָזע מיט אַ בליק פֿון מיטגעפֿיל. די ראָזע פֿאַלט אַנידער און וויינט. אין אַ ווײַלע אַרום קומען אַריין פֿון דער צווייטער זייט דער שמעטערלינג און די ווייאָלעט).

שמעטערלינג: (פֿריילאַך) ווי גוט איך האָב זיך אַמוזירט אויף היינטיקן באַל. שוין לאַנג אַזאַ פֿריילאַכע צייט ניט געהאַט. (קוקט אויף איר מיט אַ שמייכל און נעמט אָן איר האַנט) עס איז אַזוי אָנגענעם צו פֿאַרברענגען מיט אמתע פֿריינט.

ווייאָלעט: פֿריינטשאַפֿט איז די הויפּט־זאַך אין לעבן, זאָגט די בין.

שמעטערלינג: געוויס. אָן דעם וואָלט געווען אומעגלאַך צו עקזיסטירן.

ווייאָלעט: אונזער קיניגין זאָגט, דאָס אמתע פֿריינט דערקענט מען בלויז דאַן, ווען מען איז אין נויט.

שמעטערלינג: זי איז גערעכט, די קלוגע קיניגין. וואָס מיר אָנבאַלאַנגט וואָלט איך אַלץ אָפּגעגעבן פֿאַר אַ פֿריינט. קיין זאַך וואָלט ניט געווען פֿאַר מיר צו שווער ווען...

ראָזע: (הייבט אויף דעם קאָפּ) ווער איז דאָרטן? העלפֿט מיר! אַביסל וואַסער!

שמעטערלינג: (צעשראָקן) גאָט מיינער, די קיניגין וועלקט! עס טוט מיר לייד צו זען ווי זי

ליידט נעבאַך (די ווייאָלעט מאַכט אַ באַוועגונג צוצו־
גיין און ער כאַפּט זי אָן באַם האַנט) וואו גייט איר?
אויפרעגונג איז שעדלאַך פאַר אייך, מיין ליבע, עס קען
נאָך קאַליע מאַכן אייער פּאַרפיום. קומט, לאָמיר אי־
מיצן אַריינשיקן (שלעפּט זי אַרוים).

ר אָ ז ע : (מיט אַ שווערן זיפץ) פאַלשע און
האַרצלאָזע פריינט. (וויינט). אַלע, אַלע האָבן מיך פאַר־
לאָזן. אַ קראַנקע אָן דעם צויבער שטעקעלע בין איך
קיינעם ניט נויטיק. (פאַלט אין אונמאַכט. אין אַ ווײַלע
אַרום קומען אַריין די שטערן בלום און גלאָקן בלום און
בלייבן שטיין צעשראָקן ביים אַריינגאַנג).

ש ט ע ר ן ב ל ו ם : די אָרימע קיניגין אונדזערע
וועלקט.

ג ל אָ ק ן ב ל ו ם : (ווישט אָפּ אַ טרער) זי איז
שטענדיק געווען אַזוי גוט און פריינטלאַך צו אַלעמען.
(ביידע גייען אַרוים וויינענדיק. נאָך אַ לאַנגער פויזע
קומען אַריין די זשוקעלאַך און קוקן זיך אום).

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : מיר זיינען ווידער
אין פאַרבאָטענעם גן־עדן.

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : קום, לאָמיר
דאָ אַביסל אַרומשפּרינגען.

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : און אויב די בלו־
מען וועלן אָנקומען?

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : זיי וועלן אַזוי
גיך ניט קומען. עפּעס האַלטן זיי דאָרטן אַ געהיימע
קאָנפערענץ אין די קאָרן.

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע: (מאַכט איינִיגע טריט) עס איז אַזוי אינטערעסאַנט צו זיין דאָרטן וואו עס איז פאַרבאָטן. (קוקט זיך אַרום מיט צופרידנקייט).

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע: (הויבט אָן צו שפרינגען און זינגט) טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ!

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע: (באַמערקט אויפן גראָז דער קיניגינס שטעקעלע און הויבט עס אויף) זע נאַר! דער צויבער שטעקעלע פון דער קיניגין!

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע: געווים פאַרלאָרן פון גרוים התלהבות באַם טאַנצן. (בלייבט שטיין פאַר־טראַכט, קוקט טרוימעריש אויפן גאָרטן און זינגט. דער ערשטער זשוקעלע שפּילט זיך מיטן שטעקעלע און אַקאָמפּאַנירט איהם).

דאָס בלומען לאַנד איז וואונדערשיין,
ס'איז אַלץ דאָ אַזוי רייך;
די לאָנקעס זיינען ציכטיק, ריין,
די בוימען — רונד און גלייך.
דאָך זעט מיר אוים דאָס גרינע פעלד
פיל שענער אין זיין פראַכט;
דאָרט איז אַ ברייטע פרייע וועלט
און דאָ — אַלץ ווי געמאַכט.
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ, לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ.
דאָרט הערשט קיין מאָדע ניט, קיין צוואַנג,
מען דאַרף קיין שוך, קיין קלייד;
דאָרט שפּרינג איך פריי אום מיט געזאַנג,

און פיל אין זיך גרוים פרייד.
אַ היים האָב איך דאָרט איבעראַל
און שפּייז גענוג צו זאַט:
איך טרינק גאַנץ פריי פון יעדן קוואַל
און נעכטיק אויף אַ בלאַט.
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ, לאַ-לאַ-לאַ-לאַ.
(די ראָזע לאָזט אַרוים אַ טיפן זיפץ).

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע: (דערשרעקט זיך, לאָזט ארונטער דאָס שטעקעלע און קוקט זיך אום) אי־מיצער קרעכצט דאָ.

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע: (קוקט זיך אום און דערזעט די ראָזע) גאָט מיינער, דאָס איז דאָך די קיניגין! (ביידע לויפן שנעל צו צו איר) וואָס איז אייך, מאַדאַם?

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע: זייט איר קראַנק?

ר אָ ז ע: (הויבט זיך האַלב אויף אויף איר עלנ־בויגן) דאָס זייט איר? עס איז מיר זייער שווער אויפן האַרצן... איך וועלק... אַלע האָבן מיך פאַרלאָזן... איך בין דורשטיק... (וויינט).

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע: אָ, וויינט ניט, קיניגין. מיר וועלן אייך העלפן. אָט גיי איך שוין ברייג־גען וואַסער (לויפט שנעל אַוועק).

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע: (בויגט זיך איין און מאַכט צורעכט איר קלייד) זייט ניט פאַרצווייפלט, מאַדאַם. איר וועט געזונט ווערן.

ר אָ ז ע : (מיט אַ זיפץ) ווי גוט איר זייט. איך האָב גאָר ניט פאַרדינט, איר זאָלט זיך זאָרגן וועגן מיר, נאָך דעם ווי איז האָב געלאָזן אייך באַליידיקן.

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : דערמאָנט עס גאָר ניט קיניגין. מיר זיינען שוין געוויינט צו שלעכטער באַהאַנדלונג פון אונדזערע שכנים.

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : (קומט אָן טראָגנ־דיק אַן עמער וואַסער און אַ שפּריצער) טרינקט שנעל, מאַדאַם, איך בין גרייט דעם גאַנצן טייך אַריבערצו־טראָגן אַהער. (די ראָזע זופּט און ער באַשפּריצט זי. דער צווייטער העלפט זי זיך אויפהייבן פון פּלאַץ).

ר אָ ז ע : (אָטעמט אָפּ פרייער) איך דאַנק אייך פון טיפן האַרצן, (נעמט זיי אַרום) איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן וואָס איר האָט געטאָן פאַר מיר, גרויס־מוטיקע זשוקעלאַך.

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : (מיט אַ גליקלאַכן שמייכל) אָ, עס לוינט זיך גאָר ניט איבערצורעדן וועגן אַזאַ קלייניקייט.

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : מיר באַטראַכטן עס גאָר ניט פאַר אַ טובה. נאַטור קינדער דאַרפן אי־מער העלפן איינע די אַנדערע אין אַ נויט.

ר אָ ז ע : יאָ, זיי דאַרפן, אָבער ליידער טוען זיי עס ניט אַלעמאָל. זייט אַזוי גוט, מיינע ליבע און זוכט ערגעץ אוים מיין שטעקעלע.

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : אייער שטע־קעלע? אָט ליגט עס דאָרטן. (לויפט צו און ברענגט עס).

ר אָ ז ע : (מיט פרייד) אָט איז עס! (נעמט דעם שטעקעלע און מאַכט אייניקע טריט) איצט פיל איך זיך כמעט אין גאַנצן געזונט און פאַר דעם האָב איך אייך צו דאַנקען (עס הערן זיך טריט).

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : די בלומען קומען שוין צוריק׳ (ביידע גייען שנעל אָפּ און באַהאַלטן זיך הינטערן בוים. די ראָזע מאַכט אַ באַוועגונג זיי אָפּצו־האַלטן, גיט אַ שמייכל און בלייבט שטיין אין דערוואַר־טונג צורעכט מאַכנדיק אירע האָר).

פ אַ ר ג ע ס ־ מ י ך ־ נ י ט : (קומט אַריין מיט אַ בעכערל טוי אין האַנט, דערזעענדיק די קיניגין בלייבט זי שטיין איבעראַשט און דער בעכערל פאַלט אַרונטער). אָ, קיניגין! ווי גליקלאַך איך בין איין׳ צו זען ווידער געזונט! (לויפט צו און קושט איר האַנט).

ר אָ ז ע : (גלעט אירע האָר) איך דאַנק דיר, מיין טייערע, פאַר דיין מיטגעפיל. עס פרייט מיך צו זען, דאָס ניט אַלע האָבן מיך פאַרגעסן. (די בלומען קומען אַריין, בלייבן שטיין אַ ווײַלע אומאַנטשלאָסן, לויפן צו און רינגלען זי אַרום).

ל י ל ע : וואָס מאַכט איר, גנעדיקע קיניגין? מען האָט מיר געזאָגט דאָס איר פילט ניט גוט, האָב איך זיך געאײַלט צו קומען אַהער. דאַרפט איר עפּיס?

ו ו י י אָ ל ע ט : ווילט איר פיליכט אַ ביסל בלומען שטויב?

ג ל אָ ק ן ב ל ו ם : אַ זופּ טוי?

ר אָ ז ע : (מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל) איך

דאַנק אייך פאַר אייער גוטסקייט. איצט ווייס איך ווי גרויס אייער פריינטשאַפט איז צו מיר. (פלאַצט אויס אין אַ היסטערישן געלעכטער. די בלומען לאָזן ארונ־טער די קעפּ).

ר אָ ז ע : (נאָך אַ לאַנגער פויזע, אַנווייזנדיק מיטן שטעקעלע אויפן בוים) אין יענעם ווינקל געפינען זיך די גרינע זשוקעלאַך. ברייננגט זיי אַהער. (אַלע וואַרפן זיך אַהין און שלעפּן די זשוקעלאַך צו איר).

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : (אין אַ שרעקנ־דיקן טאָן) וואָס ווילן זיי ווידער פון אונדז, די בייזע בלומען? מיר האָבן דאָך קיינעם קיין שלעכטס ניט גע־טאָן.

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע : האָבן מיר דען אימיצן באַליידיקט?

ר אָ ז ע : שרעקט זיך ניט, מיינע ליבע. איר זייט אונטער מיין שוץ און קיינער וועט ניט וואַגן אייך צו באַרירן. איך וויל בלויז די בלומען זאָלן הערן ווי שיין און נאָבל איר האָט געהאַנדלט. ניט אַכטנדיק אויף דעם וואָס איך האָב אייך פאַרשטויסן און געלאָזן באַ־ליידיקן, זייט איר געווען די איינציקע מיטלייד צו האָבן אויף מיר, ווען איך בין געווען קראַנק און פאַרלאָזן פון מיינע פאַלשע פריינט און פאַרערער. איר האָט גוטע און איידעלע נשמות, און פון היינט און ווייטער וועל איך אייך באַטראַכטן פאַר מיינע בעסטע פריינט. איך גיב אייך די פולע פרייהייט פון דעם גאָרטן און באַ־שטים אייך פאַר ערן מיטגלידער פון דער קיניגליכער

סוויטע. (זי נעמט זיי אַרום און דריקט זיי צו זיך. די בלומען דעקן צו די אויגן און וויינען).

ע ר ש ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע: (מיט טרערן אין די אויגן) איך פיל זיך שטאַרק געריהרט פון דעם גרויסן כבוד, אָבער עס איז אַזוי שווער צו הערן, ווען בלומען וויינען (קערט זיך אָפּ און ווישט אוים אַ טרער).

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע: קען איך אייך עפּיס בעטן, גנעדיגע קיניגין?

ר אָ ז ע: געוויס, מיין פריינט.

צ ו ו י י ט ע ר ז ש ו ק ע ל ע: דערלויבט מיר צו זיין דער מליץ יושר פאַר די אָרימע בלימעלאַך. עס איז אמת, דאָס זיי האָבן דעם מאָל געהאַנדעלט שלעכט, אָבער דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל זיי זיינען פאַר־דאָרבן אין דער נאַטור. בלימעלאַך האָבן צאַרטע און איידעלע נשמות, נאָר זייענדיק לייכטזיניק ווערן זיי אָפט באַאיינפלוסט פון פאַלשע און צעלאָזענע לופט־פליער. זייט זיי מוחל, קיניגין, און זאָל אין שיינעם בלו־מען לאַנד ווידער הערשן פרידן און האַרמאָניע.

ר אָ ז ע: (גערירט, ווענדט זיך צו די בלומען) ווי איך זע האָט איר חרטה אויף אייער שלעכטער טאַט?

ד י ב ל ו מ ע ן: (שטרעקן אוים די הענט צו איר) אַ, קיניגין! מיר שווערן! עס איז ניט געווען אונדזער שולד.

ר אָ ז ע: איך ווייס דאָס עס איז ניט געווען אין גאַנצן אייער שולד און דערפאַר בין איך גרייט אייך מוחל צו זיין. (די בלומען פאַלן צו איר צו און באַ־

דעקן אירע הענט מיט קושן. עס קומט אַריין די בין און בלייבט שטיין ביים אַריינגאַנג).

ב י ן : לאַנג לעבן זאָל די ראָזע, די שענסטע צווישן בלומען! (אַלע שרייען „הורא!“ און נעמען איינע די אַנדערע אַרום).

ר אָ ז ע : (נאָך אַ קורצער פויזע) און איצט, מיינע טייערע, לאָמיר פייערן אונדזער גרויסע שמחה מיט געזאַנג און טענץ (זינגט):

זינגט אַ לויב ליד, ליבע בלומען,
צו דער גוטין פלאָראַ;
לאָמיר אַלע פריילאַך זשומען,
דאַנקען די אויראָראַ.

צווייטער זשוקעלע:
פריילאַך, אַלע שוועסטער, ברידער,
פלעכט אַ לעבעדיקן קראַנץ,
לאָמיר זינגען שיינע לידער
און זיך דרייען אין אַ טאַנץ.

(אַלע נעמען זיך פאַר די הענט און טאַנצן אין אַ קרייז. ווען דער טאַנץ איז געענדיקט הויבט אָן די ליליע צו זינגען).

אויסגעלייטערט איז דער הימל
אין דעם בלומען רייך;
אָפּגעווישט דער פוילער שימל,
אַלע פריי און גלייך.

ב י ן:

פריי פאַר אַלע צו געניסן
זאָל דער בלומען גאָרטן זיין;
רואיק זאָל דאָס לעבן פליסן
פול מיט פרייד און זונען שיין.

כ אָ ר:

ליבע, האַרמאָניע און פרידן
הערשן זאָל אין אונדזער לאַנד;
לעבן גליקלאַך און צופרידן
זאָלן אַלע אין איין פאַרבאַנד.

(אַלע נעמען זיך פאַר די הענט און טאַנצן אין אַ קרייז).



ווי שטיל דאָ איז

(כאָר)



(זע זייט 5)

עס קומט שוין דער זומער

(כאר)



(זע זייט 7)

מאַזורקע



(זע זייט 20)

וואַלס



(זע זייט 13)


1.
2.

אַ קליינער אינזל אויפ׳ן ים

(סאָלאָ)



(זע זייט 21)

לוסטיג, פריי

(סאָלאָ)



(זע זייט 23)

עס טאָגט !

(סאָלאָ און כאָר)



(זע זייט 25)

ווי ריין און קלאָר די לופט

(סאָלאָ)



(זע זייט 27)

דאָס בלומען לאַנד איז וואונדערשיין

(סאָלאָ)



(זע זייט 31)

זינגט אַ לויב ליד, ליבע בלומען

(קוואַרטעט און כאָר)



(זע זייט 37)